# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Yidn in Poyln

**Bałaban, Majer**
**באַלאַבאַן, מאיר**

**Ṿilne, 1930**

פאָרװאָרט

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275**

Visual Library

# פאָרוואָרט

די ייִדישע וויסנשאַפט, די אַזוי-גערופענע: „חכמת-ישראל“, און איבערהויפּט די ייִדישע געשיכטע זענען שוין זייער אַלט, אָבער ביז נישט לאַנג האָט דער ייִדיש-לעזנדיקער עולם דערפון ווייניק-וואָס געוווּסט. די ייִדישע פאָרשער אין מערב-אייראָפּע האָבן געשריבן דײטש, און די חוקרי-קדמוניות אין מזרח האָבן זייערע ספרים פאַרפאַסט אין העברעיש. אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ רייכע היסטאָרישע ליטעראַטור אין ענגליש, אין מזרח האָט מען דעם געגנשטאַנד באַאַרבעט אויף רוסיש („קניגי וואָסכאָדאַ“, „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ“, „פּערעזשיטאָיע“, די ווערק פון דובנאָוו, העססען ופדומה) און פּויליש. דעם ייִדישן לעזער האָט מען על-פּי-רוב געגעבן קאָמפּיליאַציעס, רעשטלעך אין אַזאַ פאַרוואָסערטער פאָרם, אַז ס'איז פון דער אמתער פאָרשונג ווייניק געבליבן. אין אונזער צייט, ווען די ייִדישע בעלעטריסטיק איז אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, באַזיצן מיר זייער ווייניק האַנטביכער פאַר ייִדישע געשיכטע אין ייִדיש.

דאָס איז נוגע דער ייִדישער געשיכטע בכלל און דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן בפרט. מיר באַזיצן אויף דעם געביט אַ רײ מאָנאָגראַפיעס פון שטעט און קהלות, ביאָגראַפיעס פון ייִדישע עסקנים אין פּוילן, אויסגאַבן פון דאָקומענטן און זכרונות, אָבער דאָס אַלץ — מיט קליינע אויסנאַמען — איז פאַראַן נאָר אין אַנדערע שפּראַכן

אין דער לעצטער צייט — ב'מיין אין די לעצטע דריי-פיר יאָר — האָט זיך אין דער הינזיכט אַביסל געבעסערט. איינצלנע פאָרשער האָבן זיך באַוויזן אויף דעם אַקערפעלד, וואָס איז געוואָרן „פון זשאַרגאָן — ייִדיש“, אויך דער ייִוואָ האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן ביי דער אַרבעט, אָבער אין אַלגעמיינעם האָבן מיר אויף דעם געשיכטע-געביט נאָך גאַר ווייניק.

איך האָב מיך זינט מײַנע ייִנגסטע יאָרן באַשעפטיקט מיט היסטאָריע, און זינט דרײַסיק יאָר גריבל איך מיך אין אַרכיװן און ביבליאָטעקן און גיב אַרױס היסטאָרישע װערק, װאָס באַציִען זיך צו דער געשיכטע פון ייִדן אין פױלן. אַ רײ גרױסע מאָנאָגראַפּיעס פון די ייִדישע קהלות אין לעמבערג (1906 און 1909), קראָקע (1912), לובלין (1919) גאַליציע (1916), און אַן ערך פופציק מײַנע באַאַרבעטונגען פון אַנדערע טעמעס זענען פאַרצײכנט אין דער היסטאָרישער ביבליאָגראַפיע אין פּױלישער, דײַטשער, רוסישער און העברעישער שפּראַכן. ייִדיש אָבער האָב איך, אַחוץ אַ ביכעלע װעגן מײַן פאַרשטאָרבענעם פרײַנט דר. שמואל-אברהם פּאָזנאַנסקי ז״ל, אין בוכפאָרם נאָך גאָרנישט פאַרעפנטלעכט. און איך שרײַב שױן עלף יאָר ייִדיש. ס'זענען געװען יאָרן, װען איך האָב יעדן פרײַטאָג פאַרעפנטלעכט אין „הײַנט" היסטאָרישע אַרטיקלען פאַר אַ ברײטערן לעזער-קרײַז.

איצט האָב איך מיר פאַרגענומען אָט די דאָזיקע און אַסך אַנדערע היסטאָרישע אַרבעטן צו זאַמלען און זײ אַרױסצוגעבן פאַר דעם ייִדישן לעזער. איך װיל מיט מײַנע װערק אַרײַנפירן דעם ייִדישן לעזער אין דעם קרײַז פון אונזער פאַרגאַנגענהײט אין פױלן, אים פאַראינטערעסירן מיט אָט דעם געגנשטאַנד

איך הײב אָן פון קלענערע אַרבעטן און גיב דאָ אין דעם ערשטן באַנד אַ סעריע טיפּן פון דעם אַלטן דור: פּרנסים און באַקאַנטע תּקיפים, ראשי-הקהל, װאָס מ'האָט פאַר זײ געציטערט אין שטאָט און אין דער מדינה. דערנאָך גײט אַ רײ עפּיזאָדן פון דער געשיכטע פון אונזערע אַמאָליקע גרױסע קהלות: לעמבערג, קראָקע, לובלין; עפּיזאָדן פון די טרױעריקסטע תּקופות: גזרת ת״ח ות״ט (כמעלניצקי) און גזרת תּט״ו און תּט״ז, װען שװעדן און רוסן האָבן פאַרפלײצט דאָס לאַנד און האָבן פאַרניכטעט כמעט דעם גאַנצן ייִדישן ישוב. דעם הײַנטיקן ייִדישן סוחר און בעל-מלאכה װעט װײַזן „דער קאַמף װעגן ייִדישן האַנדל אין לובלין", אַז ס'איז אױך אין אַלטע צײַטן נישט געװען בעסער. די „געשיכטע פון די ייִדישע דרוקערײַען" איז אַ קאַפּיטל ייִדישע קולטור, און אַ שטיק קולטור אין אַן אַנדער פאָרם זעען מיר אין אונזערע „פעסטונגס-שולן". דאָס קאַפּיטל װעגן אונזערע „קונסט- און קולטור-אוצרות" גיט דעם לעזער די מעגלעכקײט זיך צו באַקענען מיט אונזערע מוזײען, ביבליאָטעקן, אַרכיװן,

און טאַכט אים אויפמערקזאַם אויף די דאָזיקע אוצרות, וואָס ליגן צע־
וויט אויף די שול־בוידעמס אָדער אינדערהיים אויף די שאַפעס. און גייען
לאיבוד. „נאַפּאָלעאָן” האָב איך געשריבן אין 1921 צו דער 100־יעריקער
יאָרצייט פון דעם גרויסן העלד, וואָס האָט געהאַט אויך אויף דעם גורל
פון אונז, פוילישע יידן, אַן השפעה. די לעצטע זעקס קאַפּיטלען זענען
מיינע פערזענלעכע ערינערונגען וועגן גרויסע מענטשן, וואָס זענען נפטר
געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר.

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דעם ערשטן באַנד; אין דעם
צווייטן רעכן איך אַרייננעבן אַ ריי עלילת־דם־פּראָצעסן אין פוילן אין דעם
XVI—XVIII יאָרהונדערט, און אין דריטן באַנד: די געשיכטע פון דער
יידישער מיסטיק (קבלה־מעשית) פון שבתי צבי ביז יעקב פראַנק. די
ווייטערע בענדער זענען נאָך נישט דורך מיר צונויפגעשטעלט. איך האַלט
פאַר מיין חוב צו דאַנקען דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין פאַר זיין מי בייס
אַרויסגעבן מיין בוך.

וואַרשע, ערב־שבועות תר"ץ.

מאיר באַלאַבאַן